opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 30 גראשען — היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 194 | Łódź, Piątek, 19 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י״ז מנחם אב תרצ״ב | № 194

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

W dniu 19. sierpnia r. b. o godz. 3 p. p. odbędzie się pogrzeb

**ś. p.**

# JULJUSZA ROBERTA
# KINDERMANA

z kościoła Św. Jana na stary cmentarz ewangelicki.

O smutnym tym obrządku zawiadamia

**stroskana**
**RODZINA**

4914

# זאל פילהארמאניע
20 נארוטאוויטש 20

**דינסטאג, דעם 23-טען אויגוסט ה. י. 9 אווענד**

# גראנדיעזער יודישער פאלקס-קאנצערט

**איינציגע פרוי אין דער וועלט אלס חזנ׳טע**

# פאני רובינא



וועלכע האט זיך בעריהמט געמאכט אין ענגלאנד, זיד-אפריקע, פראנקרייך און אין בעלגיען מיט איהרע חזנ׳ישע געזאנגען, וועט צום ערשטען מאל אין לאדז אויספיהרען א גלענצענדען פראגראם, וואס וועט בעשטעהן פון:

1) **חזנ׳יש**
ובניחה יאמר
אלוהי נשמה
קדשינו
חזנ׳ישע פאפורי

2) **פאלקס-לידער**
נייע קשיות
אברהם
לייבסע
דאס יודישע ליד
שמע ישראל

3) **ראמאנסען**
דאס ליד איז אוים.
שענק מיר נאט גליקלעך.
גרוסט מיין בעשערטען.

מיט בעגלייטונג פון סימפאנישען ארקעסטער.

**4) פאנטאזיע פון יודישע רעליגיעזע פאלקס-געזאנגען**

אויסגעפיהרט דורכ׳ן

# לאדזער סימפאנישען ארקעסטער

אונטער דער לייטונג פון דיריגענט **הערץ רובין.**

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאסע פון פילהארמאניע.

יודישער הילפס-פעראיין
„תּומכי אורחים"

זונטאג, דעם 21-טען אויגוסט ד. י. ווערט איינגעאָרדענט דורך דעם הילפס-פאריין „תּומכי אורחים"

# א גרויסע גאַרטען-פערוויילונג

## מיט א אויסערגעוועהנליך רייך פּראָגראַם.

עס וועט אויפטרעטען דער וועלט-בעריהמטער איטאַליענישער אָפּערן-זינגער

# גוסטאַוו שמידלער

פּאַרק „העלענאָוו"

איז פאלגענדען פּראָגראַם:
אַריע „זשידובקא" אָפּערע הלוי
אַריע „סטראַשני דוואָר"
פון אָפּערע מאָניושקאָ
אַריע „אַפריקאַנא" פון אָפּערע מערבעער.
סערענאדע Cumore-Canta
פון ע. טאַגליאַפּערי.
אַריע „טאָסקא" פון אָפּ. פּוטשיני.
פריהמאָרגען מאַטינאַטא
פון לעאָנקאַוואַלאָ.
אַריע „פּאַיאַצי" אָפּ. לעאָנקאַוואַלאָ
פאָלקס-ליד „מנשה"
דאָס יודישע ליד „עקבי".

בילעטען צום פּרייז 50 גראָשען און 1 זלאָטע איז צו בעקומען זונטאָג ביי דער קאַסע אין „העלענאָוו".


דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ח' פריינד

קלמן ראַוויצקי און פאמיליע

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אומפערגעסליכען זוהן

## יעקב יוסף נ"ע

זייט פון גאָט געטרייסט!

וואלף פלאמיאק און פרוי
הערש לעווקאוויטש און פרוי

4932

---

דעם טיפען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס די שווער-געטראָפענע עלטערן ראַוויצקי צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער אומפערגעסליכען זוהן און אונזער הערציגסטען פריינד

## יעקב יוסף נ"ע

זייט געטרייסט!

מאָניעק ריינשטיין, חיים גער-שטענאָוויטש, צאַלעק קויפמאַן.

4926

---

אונזער ליבען שוואָגער קלמן ראַוויצקי און פאמיליע צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער איין-איינציגען און אומפערגעסליכען זוהן

## יעקב נ"ע

דריקען מיר אויס אינזער. טיפסטען מיטגעפיהל. זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

שלום גרינפארב און פרוי.

4911

---

# הזכרה.

זונטאג דעם 21 אויגוסט 1932, 11 פאַרמיטאָג קומט פאָר אויפ'ן בית החיים א הזכרה און די ענטה לונג פון דער מצבה פון אינזער אומפערגעסליכען מאַן און פאָטער

## לייביש ליפסקי נ"ע

(מתעסק דפה לודז)

צו וועלכער אַלע קרובים, פריינד און בעקאַנטע ווערען געבעטען צו קומען.

די פאַמיליע.

4949

---

נאָך קורצע שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען מיין אומפערגעסליכער מאַן, אונזער טייערער זוהן, ברודער, שוואָגער און אָנקעל אין בליהענדען עלטער פון 26 יאָהר

## שמואל יצחק בן ר' אברהם חיים נ"י נ"ע

# טעוועל

די לויה קומט פאַר היינט, פרייטאג ד. 19 אויגוסט 1932, 12 בייטאָג פון טרויער-הויז נאַוואָמיעסקאַ 24, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערענדע הינטערבליבענע.

4912

---

# ביילייד.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער שווערגעטראָפענער

פרוי טעוועל און פאמיליע

צוליב'ן טויט פון זייער אומפערגעסליכען מאַן און זוהן, אונזער ליבען און אומפערגעסליכען פריינד

## שמואל יצחק טעוועל נ"ע

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים

מענדעל מאָזעס )
הילער וויערניק ) פון דער האַלע
זעליג שווארץ ) קאַשמשעלנאַ 6.

4913

---


# רעשטען

לאָדז, נאַוואָמיעסקאַ 5
פראָנט, 2-טער שטאָק

פערשידענע קאַמגאַרנס, בּיליצער, טאַמאַשאָווער און לאָדזער

אויף אנציגער און פּאַלטענס

ווי אויך די מאָדערנסטע דאַמען-שטאָפען אויף פּאַלטנס און קאָסטיומען

מיט 30% בּיליגער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געדענקט נאָר

אין פראָנט, II שטאָק

---

באַמבערג'ס

# פענסיאָנאַט

„ŁODZIANKA" אין גלאָוונאָ

איז בעקאַנט מיט די 6 מאָל אין טאָג גוטע עסענס און אָפּרוה און פערוויילונגס-אָרט. ענדע סעזאָן זענען די פרייזען רעדוצירט. ביים קומען קיין גלאָוונאָ לאָזט אייך ניש ט איבעררעדען פון מענשען וועלכע האָבען געוויסע צילען. אייער בּאַזוך ווערט איבערגענומען אין לאָדז אָהן געלד. ערקינדיגען נאַוואָמיעסקאָ 4 ביי באַמבערג

(עקספעדיציע) טעלעפאָן 10-245

4916


# דאַנקזאַגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאַנק דעם פענסיאָנאַט-אינהאַבער

ה' עלבינגער, איז קאַלומנאַ

פאַר זיין גוטע בעהאַנדלונג און זאָרגפעלטיגע בעדינונג

מיט אַכטונג ל. האַרבשטייל.

4928


בּיליגער ווי איבעראַל

גוטער **ווײַן** גוטער

צו דעם בּיליגסטען פּרייז פון 65 גר. א פערטעל ליטער

בעקומט מען ביי דער לאַנגיעהריגער בעוו. פירמע

# ע. שיקער

פולבאַצנאַ 1, טעל. 84-107

---

אין דער פריוואַטער 7-קל. שולע פון

# יצחק גאָלדבערג

Al. I-go Maja 23

ווערען אָנגענומען נייע תלמידים אויפ'ן נייעם שול-יאָהר פון 9 ביז 3 נ. מ.


# קאָמוניקאַט.

אין נאָמען פון אַלע לאָדזער קאָנצעקציאָנערן, מאַכען מיר בעקאַנט, אז אויף דער געמיינזאַמער קאָנפערענץ צווישען די פאָרשטעהער פון די קאָנ-פעקציאָנערן און מאַגאַזין-שניידער-מייסטער-פעראיין פילסודסקי 12 אונטער וועלכע בעשליסען ס'וואַרפען זיך אונטער אַלע לאָדזער קאָנפעקציאָנערען — איז

## דער שטרייק אין מענער-מאַגאַזין שניידער-פאַך ליקווידירט.

פאָרזיצענדער: א. גראַנעק

ביזיצענדע: ( וואָלמאַן ) ( גרינבוים )

4919


# וראַטאַלרין

אין פערשידענע קוואַליטעטען

Akt. Ges. R. LIPSZYC

Łódź, Piramowicza 11/13

Tel. 101-34


---

די לייטונג פון די ערשטע אָרטאָדאָקסישע לעהר-אנשטאַלטען

# „דרכי נעם"

פון גרשון אלי' ליסס

אין לאָדז

ערשטער „דרכי-נעם" קילינסקי 50 טעל. 26-215
צווייטער „דרכי-נעם" אַל. 1 מײַ 20 טעל. 43-200

מאַכט בעקאַנט, אַז עס ווערען אָנגענומען איינשריי-בונגען פון תּלמודים אין אונזערע פערגרעסערטע

## לעהר-אנשטאַלטען און גן-ילדים'ס

עס ווערט יעצט אויך פערגרעסערט און פערברייטערט די

## מתיבתא לתלמוד והוראה

ביי דער מיטווירקונג פון בעוואוסטע בעלי-הוראה גלייכצייטיג זענען מיר מודיע, אַז די

## 8-קל. גימנאַזיאַל-קורסען

קאָנצעסיאָנירט דורכ'ן קוראַטאָריום ווערען איצט פער-גרעסערט און לויט'ן נייעם שול-אויסטאַוו וועלען זיין טעטיג די גימנאַזיאַל-קלאַסן III, IV, V, VI און VII אונטער דער לייטונג און ביי דער מיטאַרבייט פון בעקאַנטע גימנאַזיאַל-פּראָפעסאָרען. אויך מאַכען מיר בעקאַנט, אַז דער

## פּענסיאָן

פאַר תּלמידים פון דער פרעמד ווערט רעאָרגאַניזירט און וועט זיין אין א ספּעציעלען לאָקאַל אונטער דער לייטונג פון אַנ'אָנגעזעהענעם פאַכמאַן-ספּעציאַליסט.

## בעמערקונג

נעמענדיג אין אַכט דעם שווערען קריזיס, קומען מיר נאָך די בקשות פון די עלטערן, וועמענס קינדער האָבען געענדיגט אונזערע לעהר-אַנשטאַלטען, און ווילען זיך ווייטער ווידמען דעם למוד התּורה, און זענען ניט בכוח צו צאָהלען שכר למוד, — און מיר גיבען זייערע קינדער די מעגליכקייט, פּאָרטצוזעצען זייער למוד התּורה ביז היתר הוראה אין דער מתיבתא לתלמוד ולהוראה גאַנץ אומזיסט.

איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען טעג-ליך פון 9—1 און 4—7 נאָכמ. און אויף די 8-קל. גימנאַזיאַל-קורסען טעגליך פון 4—8 אָוונט.

די למודים הויבען זיך אָן א' אלול (2 ווזשעשיען ה.י.)

די לייטונג.

# היטלער'ס חלום...



## די נייעסטע לאדזער קללה

זאלסט מיר האבען אזא פנים, ווי דער קאנטאר גרשון סיראטא האט אין „העלענאיו“... אדער:

דו זאלסט ווערען א בעריהמטער קאנטאר און זאלסט אריינפאלען אין זעלמאנאוויטשעס הענה אריין.

## אין קאליע=גארטען
### אונטערגעהערטער דיאלאג צווישען צוויי קבצנים

— וואס קלערסט דו אזוי, פישעל?

— כ'ווינש מיר איצט, כ'זאל געווינען אויף דער לאטעריע.

— און ווען דו געווינסט אזוי דאס גרויסע געווינס, וואלסטו מיר געגעבען א העלפט?

— ס'פאלט מיר נישט איין.

— נו, זאל זיין א פערטעל חלק!

— ס'איז נישטא פון וואס צו רעדען!

— אבער אויף א הונדערטער קען איך רעכענען?

— וועסט נישט קריגען איין צובראכענעם גראשען! — האט זיך פישעל געבייזערט — ביזט דיך נישט שוואך אליין צו ווינשען!...

## אויס בעוויבטער — ווייטער בחור
### פון א בריף צו א חבר

טייערער חבר!

גיב מיר אפ א מזל טוב! איך האב זיך, מיט צוויי וואכען צוריק געג'גט מיט מיין פרוי. איצט בין איך ווידער א בחור. טאמער האסטו פאר מיר א מיידעל מיט א פאר טאלער, לאז מיר וויסען, וועל איך קומען חתונה האבען.

אהן געלד זאלסטו מיר נישט פערדרייהען דעם קאפ. איך געה אהן געלד נישט צו דער חופה. דיר וועל איך פערטרויען דעם סוד: די פאר טאלער וויל איך האבען, טאמער וועט מיר אויסקומען פון פון איהר צו אנטלויפען, זאל איך האבען מיט וואס...

דו ווייסט דאך ווי מען זאגט: „אז מען גרייט זיך נישט אן זומער, האט מען נישט אויף ווינטער“.

אזא מענש ווי איך, וואס קען לאנג נישט וואוינען מיט איין פרוי, מוז תמיד האבען ביי זיך עטליכע טאלער פאר א גוטען צוועק...

ב. קאוונער.

## קרי(זיס)ניצע

אין דער איצטיגער קריזיס־צייט, דארף קריניצע גערענדערט ווערען אויף קרי(זיס)ניצע.

## פון ר' זעליג שדכנ'ס ביכעל

ר' זעליג (צום חתן־בחור): איך האב פאר דיר א כלה פיש, פיש! קלוג פאר צוויי, געבילדעט פאר דריי. אינטעליגענט פאר פיר.

חתן־בחור: און יאהרען?

ר' זעליג: — פאר פינף.

## א ביסעל צו לאנג

מאן: דו הערסט, פעלא, כ'האב מיך געלאזט א סעקורירען אויפ'ן לעבען, אט איז די פאליסע.

ווייב: וואס? נומער 54725? ווי נעהמט מען עס אזא ווייטען נומער?

## אנ'אנאנס

איך א לאדזער פוילישער צייטונג לייענען מיר אזא אנאנאס:

„א פעהיגע קראנקען־פלעגערין זוכט פאסטען, טיפוס, גאל־שטיינער בעפארצוגט“.

## אין דייטשלאנד

— דו ווייסט, איך בין אויך א מיטגליד פון א פארטיי.

— ווי אזוי? כ'זעה נישט זאלסט האבען ביי זיך א האנד־גראנאט, אדער א רעוואלווער.

א דייטש קינדער־מעשה'לע:

א מאמע דערצעהלט דעם קינד:

„א טאטע האט געהאט דריי זיהן: צוויי זענען געווען היטלעריסטען און דער דריטער איז אויך געווען א באנדיט.

## איינמאל אין א יובל

— האסטו שוין אמאל געהערט, אז אין א פרויען־געזעלשאפט זאל זיין א מינוט שטיל?

— יא, ס'איז געווען א מאמענט, ווען איינער האט א פרעג־געטון: וועלכע פון זיי ס'איז די עלטסטע.

## אונזערע קינדער

לעהרער: גיב מיר, דוד'ל, א ביישפיל פון עטליכע געגענזאצען.

דוד'ל: קאלט און ווארעם, טאג און נאכט, מלחמה און שלום, און דער טאטעשי מיט די מאמעשי

## אין גלאוונא

פענסיאנאטניק (צום גאסט): ווי איז זיך אייך געשלאפען די נאכט?

גאסט: זעהר גוט, נאר דער האן האט מיך אויפגעוועקט.

פענסיאנאטניק: וועלכער האן?

גאסט: דער האן, וואס כ'האב בעקומען געגעסען צום מיטאג....

## פון זאקאפאנע

גאסט (צום פענסיאנאטניק): זעהר א שלעכט עסען ביי אייך! כ'וועל ליידער נישט קענען פראטעזשירען אהער מיינע פריינד.

פענסיאנאטניק: אויב אזוי, וועט איהר אפשר פראטעזשירען אייערע שונאים?

## אוי, די שוויגערס!

מוטער (צו דער פערהייראטער טאכטער): דו הערסט, רושקא, אז איך וועל נאך איינמאל זעהן דיין מאן אהיימקומען שכור, וועל איך פון אייך אנטלויפען וואו דער שווארצער פעפער וואקסט.

טאכטער: זאג עס נישט הויך, מאמעשי, אויב ער וועט דאס הערען, וועט ער אייביג קומען שכור.

## אומגליקליכער!

— איך האב נישט קיין גליק אין ליבע — בעקלאגט זיך א יונגערמאן.: מיין ערשטע כלה האט אפגעלאזט מיט מיר דעם שידוך. די צווייטע — איז געשטארבען. די דריטע האט מיך פערראטען, און מיט די פערטע האב איך חתונה געהאט.

## א לאדזער וואיאזשאר
### ווען, וואס פרעגט ער?

א לאדזער וואיאזשאר נעהמט אויסקונפט וועגען א רעסטאראן:

ווען ער איז אלט 30 יאהר פרעגט ער:

— איז דא א לייטישע קעלנערקע?

צו 50 יאהר:

— בעקומט מען געשמאקע מיטאגען?

צו 70 יאהר:

— איז דא „בעקוועמליכקייט“!?...

---

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 194

פרייטאג, דעם 19 אויגוסט 1932

## דער קאמף איז געענדי




אין= און ארום דער אלוועלטליכער יודישער קאנפערענץ



אויבען: דער דייטשער לופט-פליהער גראנאו (X) ווערט פייערליך אויפגענומען אין טשיקאגא





רעכטס: ווילהעלם וואונדט, דער בעריהמטער פילאזאף צו זיין הונדערטסטען געבורטס-טאג

לינקס: דער בעקאנטער קאמפאזיטאר פאן הארזעגער, איז אלט געוואָרען 60 יאהר



אונטען: קונץ - שטיק פון אן איטאליענישען אעראפלאן אויפ'ן פליה-פלאץ אין בערלין



אויבען: בינדער פון טרויבען - געזעצעניש אויפ'ן רהיין



אונטען: וועג - געזעגען פון דייטשע שיפען אין קיל





אויבען: היטלער פאהרט אב נאך זיין בעזוך ביים רייכסקאנצלער פאן פאפען





רעכטס: דורכפאל פון מאנארכיסטישען פוטש אין שפאניען, גענעראל גארעט, פיהרער פון פוטש

לינקס: דער קאמפאזיטאר ריכארד שטראוס האט בעקומען א מעדאל אין אמעריקא



אונטען: דער לופט-פליהער בערטראם, וועלכער איז געפלויגען קיין אויסטראליע, און האט זיך דארט איינגענומען מיט זיין חבר פערבלאָנדזשעט אין אן אורוואלד





אויבען: אין די גרויסע היצען א בילד פון דער פליאזשע

רעכטס, אין דער זייט: מאלאשה (ווירטשאפטס פארטיי) איז אריין אין דייטשען רייכס־טאג אלס דער 608־טער דעפוטאט

אונטען רעכטס: דער נייער בנין פון דער ביל־דער גאלעריע ביים וואטיקאן

אונטען אין דער־מיט: דער לופט־פליה־ מוזעי אין די דארניער־אעראפלאן־פאבריקען





אויבען אינדערמיט: צום יאהרטאג פון דער ווימארער קאנסטיטוציע. די עהרען לאזשע אין רייכסטאג בעת דער פייערונג









אויבען לינקס: דאס בעריהמטע מייסטערווערק פון מילע אנגעלוס אין שווער בעשעדיגט גע־ווארען דורך א גייסטיג־קראנקען אין פאריזער לובר.

לינקס אינדערזייט: די יונגסטע טאכטער פון ראקפעלער'ן (זי איז אלט 60 יאהר) איז קראנק געווארען לעבענס־געפעהרליך

אונטען לינקס: די דונאי־בריק ביי בעלגראד, א ביי מייסטערווערק פון דער טעכניק, ווערט איצגיכען פערענדיגט, דאס וועט זיין די גרעסטע בריק אין איראפא



